בס"ד


# בנות מלכים

גליון 44

שיכון סקווירא


לז"נ מייסדת הגליון
הק' שיינדל גאלדא הי"ד
בת ר' מרדכי הי"ו
ובנה הילד שמואל אליהו הי"ד
בר משה מנחם הי"ו



# צוויי מיינונגען

דאס שטעטל האט גע'רעש'ט און גערידערט, אלעס איז געפארן אויף רעדער. נישט יעדן טאג האט דאס קליין פארשטיפטן שטעטל זוכה געווען צו א באזוך פון א גדול הדור. אבער דאסמאל, ווען עס האט זיך אויסגעשטעלט אז צוויי צדיקים זענען אנגעקומען פונקט אינ'ם זעלבע צייט, האט זיך די ערד פונ'ם שטעטל ממש געשאקלט.

אלע זענען זיך צוזאמגעלאפן אינ'ם ארטיגן גאסט-הויז, וואו ביידע צדיקים האבן זיך אויפגעהאלטן דורכאויס זייער קורצע באזוך. קיינער האט זיך נישט געוואגט צו פארפאסן דעם דערהויבענעם און היסטארישן מאמענט. דער עולם איז געשטאנען אויפ'ן שפיץ פינגער, צוזאמגעדריקט איינער צום צווייטן, און פרובירט איינצוזאפן די סצענע. מען האט אנגעשטרענגט די אויגן, און אנגעשפיצט די אויערן, אויפצוכאפן יעדן ווארט, קנייטש און תנועה.

די צוויי צדיקים, ר' פנחס'ל קאריצער און ר' ייבי מאוסטרא, זענען געזעצן פארטיפט אין א העכערע שמועס. צווישן די צוויי ריזן איז באהאנדלט געווארן די שווערע פראגע – "פארוואס איז משיח נאך נישט געקומען?" אויפן טיש זענען ארויפגעברענגט געווארן צוויי באזונדערע מיינונגען, און ס'האט זיך אריינגעצויגן אין א הייסע וויכוח.

דער הייליגער קאריצער האט געזאגט קלאר אז דער סיבה פארוואס משיח זוימט זיך צו קומען, איז ווייל עס פעלט אין די צניעות פון די אידישע טעכטער. ר' ייבי אבער, האט געהאלטן אז משיח ווערט אפגעהאלטן דורך די מענטשן וואס רעדן ביים דאווענען. ביידע צדיקים האבן זיך געהאלטן פעסט מיט זייער דעה, און מ'האט נישט געקענט צוקומען צו קיין פשרה.

אזוי ווי זיי האבן געזען אז זיי קענען נישט ארויסקריכן פונ'ם סיכסוך, האבן זיי מחליט געווען צו עפענען א חומש און זען וואס זיי וועלן טרעפן. דער חומש איז געעפנט געווארן צום פסוק אין וישלח: הכזונה יעשה את אחותינו - די שבטים האבן געזאגט: "אונזער שוועסטער איז נישט אויף הפקר", - א קלארע באוויז אויף דער מיינונג פון ר' פנחס'ל קאריצער. דערנאך האבן זיי אריינגעקוקט אין תרגום יונתן און זיי האבן געזען דארט די ווערטער "לא יאי למהוי מתאמר בכנשתיהן דישראל - ס'נישט ריכטיג אז מ'זאל רעדן אין בית המדרש - א קלארע רמז אויף ר' ייבי'ס מיינונג!

די צדיקים האבן פארשטאנען אז פון הימל ווייזט מען קלאר אז ביידע מיינונגען זענען ריכטיג, און יעדע התחזקות אין די צוויי ענינים וועט זיכער ברענגען משיח נענטער!










לע"נ
הרבנית הצדקת טראני בת
הרה"ק ר' פנחס מאוסטילא ז"ל

פערל ע"ה בת
מהור"ר חיים אורי ליפא הי"ו

מהור"ר יחיאל (מיכל) בן
מהור"ר יהודא

ת.נ.צ.ב.ה.

# מזל טוב

מעשה שהיה
תשס"ז

ג. פעדער

מיר האבן געקלאפט אין אלע טויערן, מיר האבן פרובירט צו דרייען פיל שליסלעך, און דאן... האבן מיר זיך פלוצלינג אנגעשטויסן אין דעם ריכטיגע שליסל... די טיר האט זיך ברייט צועפענט... און פאר אונז איז געלעגן די לאנג-ערווארטערטע ישועה...

פאלגענד איז א פערזענליכע מעשה וועלכע אונזער משפחה האט לעצטנס מיטגעלעבט, און מיר פילן אז ס'איז א זכי' און א חוב עס מיטצוטיילן מיט די חשובע ליינערינס פון בנות מלכים.

עס איז געווען עטליכע יאר נאך מיין שוועסטער בלימי'ס חתונה, און זי האט נאכנישט זוכה געווען צו האלטן אויף אירע הענט אן אייגן קינד. מיר, שוועסטערס, האבן נישט אדורכגעלאזט קיין געלעגנהייט, און געטון אלעס וואס איז געווען אין אונזער מעגליכקייט צו העלפן בלימי. די גאנצע משפחה, אריינגערעכנט די קינדער און אייניקלעך, האבן הייס מתפלל געווען און געזאגט פיל תהלים... מיר האבן געגעבן צדקה יעדן טאג און אינזין געהאט אז ס'זאל זיין א זכות פאר בלימי... מיר האבן געזאגט שיר השירים... מיר האבן געזאגט תהלים החידא פאר 40 טעג... מיר האבן געארבעט מיט די קינדער אויף זאגן ברכות און אמן הויעך... מ'האט אינזין געהאט איר נאמען ביי חלה נעמען...

מיר האבן געהאפט און געווארט, און כאטש מיר האבן געוואוסט אז מיט יעדע פעולה, תפילה, און סגולה, ברענגן מיר די ישועה נאך אביסל נענטער, איז אונזער שוועסטער נאך אלס נישט געווען קיין געהאלפענע...

חוה"מ סוכות תשס"ו האט איינער פון אונזער משפחה פונקט געטראפן גליון ל"ה פון די בנות מלכים אויסגאבע. דארט האט זי געליינט די מעשה פון א קלאס וועלכע האט זיך פארגענומען צוויי קבלות אין צניעות פאר א זכות פאר זייער'ס א חבר'טע. עס איז נישט אריבער קיין גאנצע יאר פון ווען די קלאס האט אנגעפאנגען זייער "צניעות פראיעקט" ביז זייער חבר'טע איז געהאלפן געווארן מיט א קינד...!

מער פון דעם האב איך נישט געדארפט. איך האב תיכף אנגערופן צום אפיס פון בנות מלכים און געבעטן זיי זאלן מיר שיקן 75 קאפיעס פון די בנות מלכים - גליון ל"ה און א טעיפ פון די "בנות מלכים כינוס התעוררת". זיי האבן געזאגט אז זיי וועלן מיר עס גערן שיקן. מיינע שוועסטערס און איך האבן זיך דאן גענומען צו דער עבודה. מיר האבן מסדר געווען א ליסטע פון אלע אדרעסן פון בלימי'ס קלאס-חבר'טעס, און מיר האבן אויך צוגעלייגט די אדרעסן פון די פרויען מיט וועמען בלימי האט געארבעט, און פון אונזערע קרובים אין איר עלטער. מיר האבן געשריבן א בריוו, אין וועלכע מיר האבן דערציילט פאר בלימי'ס חברטע'ס, אז דער משפחה האט שוין פיל געטון פאר בלימי און זי איז נאכנישט געהאלפן געווארן. מיר האבן זיך געווענדעט צו זיי מיט דער בקשה אז זיי זאלן זיך פארנעמען 2 קבלות אין צניעות פאר איר זכות. מיר האבן דאן ארויסגעשיקט די בריוו, די בנות מלכים אויסגאבע, און די טעיפ צו אלע אויף אונזער ליסטע און געהאפט אויף גוטע רעזולטאטן.

מיר האבן נישט געדארט ווארטן לאנג... די כוס פון זכותים איז איבערגעפילט געווארן דורך די מעכטיגע שטופ פון די זכות פון צניעות... די השפעות טובות זענען איבערגערינען... און ס'איז נישט אדורך קיין גאנצע יאר ביז בלימי איז געווארן א "מאמע" צו א ליכטיגע יונגעלע נאך ניין יאר פון ווארטן...

אין זכות פון אלע חשובע "בנות מלכים" האט אונזער שוועסטער זוכה געווען צו האלטן אויף אירע ארעמס איר "בן מלך"!!!

(געהערט פון בלימי'ס שוועסטער, וועלכע האט אריינגערופן בנות מלכים צו דערציילן די מעשה)








# אונטערן שאטן פון מרת פיץ

ג. פעדער

רויזי איז געזעצן ביים טיש אין איר צימער איבערגעבויגן איבער די נייע אויערינגלעך וועלכע זענען געלעגן פאר איר. עס איז געווען דער ווער-ווייסט-וויפלטן מאל וואס זי באטראכט די דריי פאר אויערינגלעך מיט דער גרעסטער מאס קאנצענטרירונג. רויזי האט געדארפט אויסוועלן איינער פון זיי, אבער אפילו נאך לאנגע שעות פון קווענקלעניש, האט זי נישט געקענט צוקומען צו קיין החלטה.

רויזי איז בכלל נישט געווען פון די סארט מיידלעך וואס ווייסן נישט וואס זיי ווילן, פארקערט, זי האט געוואוסט פונקטלעך וועלכע פון די דריי אויערינגלעך געפעלט איר די מערסטע. זי וואלט שוין פון לאנג אויסגעקליבן יענע אויערינגל, ווען נישט זי וואלט זיך גענדארפט רעכענען מיט די מיינונג פון די הויכגעשעצטע מרת. פיץ. רויזי האט שטארק געוואלט אז איר נייע אויערינגלעך זאלן געפעלן פאר די עלעגאנטע שכנ'טע.

רויזי האט בכלל נישט געבעטן פון מרת. פיץ קיין מבינות, די שכנ'טע האט אפילו נישט געוואוסט אז זי האלט ביים קויפן נייע אויערינגלעך. אבער ווי אזוי אלעמאל, האט זיך רויזי פרובירט פארצושטעלן וואס מאדאם פיץ וואלט געהאלטן, און לויט דעם האט זי געוואלט מאכן איר באשלוס.

מרת. פיץ, וועלכע האט געוואוינט טיר ביי טיר מיט רויזי'ס משפחה, איז געווען גאר א פארנומענע פרוי. אבער אנדערש ווי רויזי'ס מאמע, און ווי די מאמעס פון רויזי'ס חבר'טעס, איז זי נישט געווען פארנומען מיט פירן איר שטוב. מרת. פיץ האט געהאט גאר אן אנדערע באשעפטיגונג, וועלכע האט אויפגענומען אלע שעות פון איר טאג - זי איז געגאנגען "שאפינג".

פאר א לאנגע צייט האט רויזי באטראכט מרת. פיץ פון דער נאנט. זי האט באמערקט אז מרת. פיץ האט שטארק מקפיד געווען אז איר קליידונג זאל אלעמאל זיין אויסגעהאלטן לויט די נייעסטע מאדע. זי איז קיינמאל נישט ארויסגעטרעטן פון הויז אנגעטון די זעלבע צוויי מאל - אלעמאל איז עפעס געווען ניי. ווען די מאדע איז געווען א סתירה מיט די הלכות פון צניעות, האט מרת. פיץ געהאט נאר איין ברירה - טרעפן א היתר. און א פאל ווען ס'איז איר געווען אוממעגליך צו טרעפן א היתר, האט זי זיך באניצט מיט אן אנדערע מיטל צו באזייטיגן די "שוועריגקייטן" - זי האט געמאכט א שארפע, שפאטישע באמערקונג קעגן אלע וואס האבן געהאלטן אנדערש ווי איר, און דאן האט זי זיך געטון איר'ס. רויזי האט פיל מאל געהערט די קנאקעדיגע וויצן פון די "מאדאם", און כאטש זי האט גוט פארשטאנען ווי לעכעריג זיי זענען, האט זי דאך נישט געוואלט זיין די אדרעס דערפון. רויזי האט פרוביט מיט אלע אירע כוחות צו געפעלן פאר די "חשובע" מרת. פיץ, און ווען ס'איז איר ענדליך געלונגען צו באקומען א קאמפלימענט, גאר א זעלטענע ערשיינונג, האט זי געפילט ווי זי האט געוואונען א גאלדענע מעדאל. כאטש רויזי איז געווען גאר אן איידעלע מיידל, האט זי זיך פיל מאל געצווינגען אנצוטון מלבושים וועלכע זענען געווען אינגאנצן קעגן איר געשמאק, נאר ווייל זי האט געוואלט אז מרת. פיץ זאל "האלטן" פון איר. זי האט געשפירט אז זי מוז אויפווייזן אז זי איז נישט פון די "פאנאטישע", זי איז א חלק פון די "קלוגע", "פארגעשריטענע", און "אויפגעקלערטע"...

רויזי האט נאכאמאל אויפגעהויבן די אויערינגלעך איינס ביי איינס אין זיי באטראכט. ניין, זי האט נאך אלס נישט געקענט באשליסן וועלכע פון די דריי וואלטן געפונען חן אין די אויגן פון די "בעסערע" שכנ'טע. זי האט שווער אפגעאטעמט, זיך אויפגעשטעלט, און אוועקגעלייגט די אויערינגלעך. "איך וועל מיזן צוריקקומען שפעטער און מאכן מיין החלטה", האט זי געקלערט "יעצט וועל איך גיין העלפן מיין מאמע..."

"רויזי גיי ביטע אריבער צו משפחת פיץ," האט איר מאמע געבעטן "און פרעג אויב מיר קענען בארגן אייער..."

רויזי האט זיך געקוקט אין שפיגל און פאראכטן איר האר. זי האט געוואלט מאכן זיכער אז זי זעהט אויס אזוי ווי עס פאסט פאר א באגעגעניש מיט די סאפיסטיקירטע פרוי פיץ.

רויזי איז אריבערגעגאנגען צו די פיץ'ס און געקלאפט אויף זייער טיר. זי האט געהערט ווי מרת. פיץ רעדט פון אינעווייניג, אבער קיינער איז נישט צוגעקומען צום טיר. רויזי האט נאכאמאל געקלאפט, דאסמאל שטערקער, אבער קיין ענטפער איז נישט געקומען. "איך וועל ווארטן אביסל" האט זי געקלערט "אפשר אין א מינוט - צוויי וועט מרת. פיץ קענען צוקומען."

"איך האלט עס שוין נישט אויס!" האט זי פלוצלינג געהערט




ווי מרת. פיין זאגט "איך פיל ווי כ'קען שוין נישט אזוי ווייטער אנגיין..."

רויזי האט געוואוסט אז ס'נישט ריכטיג זי זאל דארט בלייבן שטיין און צוהערן צו יענעם'ס פריוואטע טעלעפאן שמועס, אבער איר נייגער האט איר געהאלטן צוגענאגלט צום ארט.

"... ווען כ'בין געווען יונג," האט מרת. פיין ווייטער געזאגט, "האב איך געמיינט אז אזוי וועל איך זיין גליקלעך ... אבער ווי עלטער איך ווער, אלס מער אנערקען איך מיין ביטערע טעות. כ'האב געמיינט אז ווען כ'וועל מצליח זיין אלעמאל אויסצוזען "דזאסט סא" פון קאפ ביז פיס, דאן וועל איך זיין באמת צופרידן... אבער כ'זעה אז ווען איך דערגרייך ענדליך מיין ציל, פיל איך נישט די זיסער טעם אזוי ווי כ'האב מיך פארגשטעלט... אנשטאט דעם שפיר איך א ליידיגקייט און א הונגער פאר מער... מיינע טיפע חרטה געפילן שטעכן מיר ווי שפיזן, און כ'קען זיך נישט מוחל זיין אויף דעם וואס כ'בין נישט בייגעשטאנען די נסיונות אין צניעות. איך פיל ווי געפאנגען אין א נעץ פון וועלכע איך קען זיך נישט ארויסדרייען ... אויב איך וועל יעצט צוריקדרייען דעם רעדל - וואס וועט מען זאגן אויף מיר? אז כ'פרוביר זיך אויפצופירן אזוי ווי די אלע פון וועם כ'האב אלע יארן געטריבן שפאס...?"

רויזי איז בלאס געווארן. זי האט זיך אנגעלאנט אויפן וואנט שוואכערהייט און פארמאכט אירע אויגן. ס'איז איר געווען אוממעגליך אראפצושלינגען די מציאות וועלכער האט זיך יעצט אנטפלעקט פאר אירע אויגן. זי האט געפילט ווי איינער האט פלוצלונג ליכטיג געמאכט אינ'ם טינקעלן טונעל אין וועלכע זי בלאנדזעט שוין א לאנגע צייט. ס'איז איר אנגעקומען שווער צו גלייבן אז אינטער'ן דיקן מאסק פון שטאלץ און גליק ליגט א בארג פון אומזיכערקייט און אומצופרידנקייט. צי קען עס זיין אז אט די פרוי, וועלכע איז אין אירע אויגן געווען די קעניגן פון גליק איז באמת אזוי אומגליקלעך?!!

רויזי האט געווארפן נאך א בליק אויף די פארמאכטע טיר, און איז שנעל אוועקגעגאנגען. זי האט געעפנט די טיר פון איר הויז, און איז שטילערהייט אריין.

"וואס האט גענומען אזוי לאנג?"" האט זיך איר מאמע געוואונדערט "ביסט פארלוירן געווארן אויפן וועג?"

רויזי האט טיף אריינגעאטעמט "...איך האב זיך נישט פארלוירן, מאמי..." האט זי געזאגט שטאט "...כ'האב זיך ענדליך געטראפן...!!"



# איך וועלכע וועג?

טראני שטערן





די יונגע דרייווער מיט זיין נייע קאר,
טראכט אז ער איז אין גרויס געפאר,
קוים די ערשטע מאל זיין הענט די רעדל כאפט אן,
און שוין ווייסט ער נישט וואס צו טון.
איך מוז דאס קלאר מאכן וואס גיכער,
ווי אזוי ווייס איך פארזיכער,
אז איך בין אויפן ריכטיגער וועג?
פאלג איך אויס אלע געזעצן פונקטליך אזוי ווי מ'מעג?
און גרויס פארלעגנהייט ווייטער ער גייט און אט...
די הילף ביי זיין זייט עס שטייט:
ער קוקט זיך ארום און זעט געניי
קאלירטע שילדן - איז עס טאקע אזוי?
Stop - דיין speed נעם אין אכט
Do not enter - די וועג איז פארמאכט
One way - נאר אין די ריכטונג מ'מעג
Traffic light - עס האלט סדר אינעם וועג
זיי ווייזן אים די געזעצן, עס מאכט קלאר זיין מח
ער הייבט אויף זיין הענט "רבוש"ע א גרויסן יישר כח!"
און פלוצלינג נאך א געדאנק פאלט אים איין
פארן פארן האט ער געלייגט אין זיין טאש אריין
א מאפע א קלארן
פונ'ם פלאץ צו וואו ער וויל פארן
מיט א פרייליכן געמיט ער פירט ווייטער זיין קאר
יעצט איז ער זיכער ארויס פון געפאר!!
און אויך פונקט אזוי
די בת מלך מיינט מען דא געניי

זי איז אין א פארלעגנהייט
די וועג איז אזוי פארדרייט
אזויפיל styles עס דרייט זיך היינט
וועלכע איז ריכטיג, וועלכע זאל זי גיין
אין ווען איין וועג זי נעמט
פילט זי זיך אינגאנצן פארקלעמט
בין איך אויפן ריכטיגן וועג?
פאלג איך אויס די הלכות פונקטלעך אזוי ווי מ'מעג?
און גרויס פארלעגנהייט ווייטער זי גייט
טו איך ריכטיג, ווער ווייסט
און אט... די הילף ביי איהר זייט עס שטייט
די אלע דאגות ווערן א פארגאנגענהייט
זי גיבט זיך בלויז א קוק ארום
און דא האט זי אלע ספרים
די ספרים, און די רבנים - די signs וואס ווייזן די וועג
און זאגן איר אלעס פונקטלעך וואס מ'מעג
די הלכות מאכן קלאר איהר מח
זי הייבט אויף איהר הענט "רבוש"ע א גרויסן יישר כח"
אזוי זיצענדיג פאלט איר א געדאנק איין
מ'האט קוים געברענגט די פאסט אריין
די נייע בנות מלכים היינט אנגעקומען
זי לייענט און זי ווערט איבערגענומען
דא האט זי א מאפע א קלארן
עס צייגט איהר די וועג וואו זי זאל פארן
מיט א פרייליכע געמיט זי פירט ווייטער די מסורה
פונקטלעך ווי ס'שטייט אין די הייליגע תורה.

אבער וואס וועט זיין
ווען די דרייווער טראכט ער האט זיין אייגענע פלאן
ער ווייסט בעסער, ער איז קלוגער
ער וועט פליען ממש ווי אויף א פליגער
ער קוקט נישט די געזעצן אן
ער קלערט אז די שילדן האבן נישט מיט איהם צוטון
זיין map נעמט ער אפילו נישט ארויס
און ווען ער וועט אנקומען אין די נישט ריכטיגער פלאץ -
וועט זיין צער זיין גרויס!
פונקט אזוי וועט אויך זיין
אויב די בת מלך טראכט אז זי האט א בעסערן פלאן
זי איז קלוגער, זי ווייסט בעסער
די ספרים הקדושים זענען נישט צופיל גרעסער
זי קוקט נישט די הלכות אן
זי קלערט אז די שילדן האבן נישט מיט איר צוטון
די בנות מלכים ארטיקל זי לייענט אפילו נישט אויס
צום סוף, נאך 120, ווען זי וועט אנקומען אין די נישט ריכטיגע פלאץ -
וועט איהר צער זיין גאר גרויס!

בת ישראל! קלוג זיך נישט איבער
און הער זיך צו דעריבער
גיי נאך אונזער שטאלץ, אונזער מסורה
פאלג אויס די הלכות פון די הייליגע תורה,
קלייד דיר בצניעות, בצניעות זאלסטו לעבן
וועט דיין שכר נאך 120 זיין א גרויסע חלק אין גן עדן!!!







## ש. איינהארן

אין דער הייליגער גמרא
שטייט וועגן אן אמורא
רב חסדא טוט זיין נאמען זיין
ער האט געוואלט געבן צו פארשטיין
ווי שטארק צניעות איז טייער
און איז באליבט ביי השי"ת זייער
האט ער גענומען אין איין האנט
א גאר בליטשקעדיגע דיאמאנט
אין דעם צווייטן האנט שווארצע קוילן
אוןביידע זאכן האט ער געטון פארהוילן
דערנאך האט ער זיינע טעכטער
צוזאמגערופן
און אויסגעלערנט א געדאנק א טיפן
געעפנט האט ער זיין האנט זיין רעכטע
און זיי געוויזן א דיאמאנט שטיין אן עכטע
זענען זיי זייער נייגעריג געווארן צו זען
וואס איז אין די אנדערע האנט-זיכער
עפעס פיל מיט חן
אבער ער האט געזאגט-ניין ס'בלייבט
פארמאכט
און יעצט גיבטס אלע א טראכט
און לערנט אייך אויס מיין מוסר
דאס וואס איז באהאלטן איז פיל פיל
זיסער
אפילו עס איז שווארצע קוילן
זענט איר נייגעריג דערין – ווייל ס'איז
פארהוילן!
(מס' שבת דף קמ: ע"פ פי' הריטב"א)

# הלכות צניעות

*ארויסגענומען פון ספר 'בכל דרכיך דעהו'*

1. עס איז אסור סתם ארומצושמועסן מיט פרעמדע מענער. רעדן וואס איז נוגע צו ערלעדיגן איז יא מותר. מען זאל אבער פרובירן מקצר צו זיין ווי ווייט מעגליך, און אוודאי דארף מען שטארק אכטונג געבן אז עס זאל זיך נישט אריינציען אין א היימישע געשפרעך.
2. בשעת מען רעדט צו א פרעמדע מאן איז אסור צו ארומווערטלען (מאכן Jokes), טרייבן ליצנות, לאכן, אדער רעדן אויף א היימישע אופן.
3. אין פאל וואס מען דארף יא עפעס זאגן פאר א פרעמדע מאן, איז גלייך צו שטיין אביסל פון דערווייטנס.
4. אויב עס קומט אמאל אויס אז א פרעמדע מאן גיבט א פערזענליכע קאמפלימענט פאר א פרוי, זאל זי זיך מאכן ווי גלייך זי הערט נישט.
5. זאגן "גוט מארגן" א.ד.ג. פאר א פרעמדע מאן (א געשעפטסמאן, דאקטער, באס- דרייווער א.ד.ג.) האט מען מתיר געווען, מען טאר דאס אבער נישט טאן אויף א (פריינטליכן) היימישן אופן. די זעלבע הלכה גייט אויך אן ווען א פרוי וויל אנוואונטשן "מזל טוב" פאר א מאן – א בעל שמחה.
6. א טאטע, א ברודער, און א זוהן ווערן גערעכנט פאר "ריכטיגע קרובים" (נישט צוגעקומענע) און עס גייט נישט אן דער איסור פון ארומשמועסן. א שווער אדער אן איידעם ווערן נישט גערעכט פאר ריכטיגע קרובים, מען מעג אבער רעדן מיט זיי וויפיל עס פעלט אויס אלס דרך ארץ.
7. א שוואגער אדער פלימעניק, ווערן "נישט" גערעכנט פאר א ריכטיגער קרוב און ממילא זאל מען נישט ארומלאכן מיט אים, טרייבן ליצנות, אדער עפעס שפילן אינאיינעם (א game א.ד.ג.).

# קעניגליכע קלאנגען

## געאייגענט פאר די יונגע בת מלך

### מיין אינערליכע קול

ע. ע.

א גרופע מיידלעך שטייען מיר און שמועסן,
איך באמערק א פרעמדע מאן גייט אין די זייט.
איך קלער...
וואס מעג ער נישט געניסן,
פון די פרויעֶנס ניין מאס רייד?
אבער איך דערהער...
דאס קול וואס שרייט: זייט שטיל שוין.
ווייל צניעות איז פאר א אידישע טאכטער די
שענסטע קרוין.

מיין suit פון לעצטע יאר האב איך אנפרובירט,
אז די skirt איז קורץ בין איך געווארן שאקירט.
איך קלער...
וואס איז אז עס טוט אביסל קורץ זיין
איך קען נאך דערמיט דעם סעזאן גיין.
אבער איך דערהער...
דאס קול וואס שרייט: באזייטיג עס שוין,
ווייל צניעות איז פאר א אידישע טאכטער די
שענסטע קרוין.

נאך פיל ווארטעניש פארט די קעמפ צו
א טריפ ארויס,
זעענדיג דארט מענער איז די אנטוישונג גרויס.
איך קלער...
האלב אויף האלב וועלן מיר זיך צוטיילן,
מיר מעגן דא אויך אביסל פארוויילן.
אבער איך דערהער...
דאס קול וואס שרייט: גייטס אוועק שוין,
ווייל צניעות איז פאר א אידישע טאכטער די
שענסטע קרוין.

ראש חודש האב איך א חתונה געהאט,
פאר א hair cut איז שוין באמת געווען צייט
איך קלער...
וואס מאכט אויס די איין נאכט
צו מאכן א pony קומט בכלל נישט אין
באטראכט
אבער איך דערהער
דאס קול וואס שרייט: נעם צוזאם דיין האר
שוין,
ווייל צניעות איז פאר א אידישע טאכטער די
שענסטע קרוין.

צו א באס טו איך מיר יאגן,
אביסל צידה לדרך דארף איך מיט טראגן.
איך קלער...
אין א גראסערי stop איך אריין,
פאר יעדעם וועל איך מיר ארייננשטופן
אין די line.
אבער איך דערהער...
דאס קול וואס שרייט: זיי באשיידן שוין.
ווייל צניעות איז פאר א אידישע טאכטער די
שענסטע קרוין.

פון סטאר צו סטאר בין איך ארומגעלאפן
ענדליך האב איך אביסל א רעשֵיגע jacket
געטראפן
איך קלער...
וואס איז אז עס איז שרייעדיג אביסל
נישט נאר סאליד איז צו צניעות די שליסל
אבער איך דערהער
דאס קול וואס שרייט: לייג עס צוריק שוין,
ווייל צניעות איז פאר א אידישע טאכטער די
שענסטע קרוין.

עס איז ביינאכט אלעס איז שטיל.
ארויס גיין אן זאקן כאפן א טרינק איך וויל,
איך קלער...
קיינער וועט מיר סיי ווי נישט זען,
וואס וועט די איין מאל געשען.
אבער איך דערהער...
דאס קול וואס שרייט: טוה אן זאקן שוין
ווייל צניעות איז פאר א אידישע טאכטער די
שענסטע קרוין.

לייג צו א מחשבה א קליינע,
וועסטו זען אז די בחירה איז גענצליך דיינע!!





ח. אשכנזי



# גרייט?!

"הָאט מֶען שוין גֶעפַּאקְט דִי שַבָּת שִיך?"

"וואוּ אִיז דֶער רֶעגְן מַאנְטְל?"

"שָרה'לֶע, אִיז מֵיין זאָקְן שוין אִין רֶענְצֶל?"

אַזוֹי הָאט זִיך גֶעהֶערְט בֵיי מִשְפַּחַת פְרֵיילִיך דִי לֶעצְטֶע פָאר שָעָה פַאר דִי נְסִיעָה. עֶס אִיז נִישְט קֵיין וואוּנְדֶער גֶעוָוען צוּ זֶען זֵייעֶרֶע שִמְחָה'דִיגֶע פֶּנִימֶ'ער אוּן הֶערְן זֵייעֶרֶע רוּהִיגֶע נִיגוּנִים וָואס זֵיי הָאבְּן זִיך אוּנְטֶערְגֶעזִינְגֶען. דָאס לַאנְג עֶרְוַוארְטֶעטֶע חַתוּנָה פוּן דִי מוּמֶע שִפְרָה קוּמְט שוֹין כִּמְעט אָן אוּן אָט וֶועט מֶען זִיך שוֹין קֶענֶען בַּאקֶענֶען מִיט דִי פִיל קָאזִינֶעס אוּן מִשְפָּחָה.

"קוּק שָרִי, מֵיין רֶענְצֶל אִיז שוֹין פַארְמַאכְט!"

"מוֹישִי, קֶענְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן צוּמַאכְן מֵיין רֶענְצֶל?" אָט שְטֵייט שוֹין דִי גַאנְצֶע מִשְפָּחָה גְרֵייט מִיט אַלֶע רֶענְצְלֶעך, אוּן וַוארְטְן אַז דִי קַאר זָאל זֵיי קוּמֶען אָפְּצוּנֶעמֶען. אִינְמִיטְן וַוארְטְן הֶערְט זִיך אַ קְלִינְג פוּנ'ם טִיר. "פֶּעטֶער שִמְעוֹן אִיז דָא!" הָאבְּן דִי קְלֵיינֶע אוֹיסְגֶערוּפְן, "עֶר וִויל אוּנְז נֶעמֶען צוּם לוּפְטְפֶעלְד"!

שְנֶעל אוּן פְלִינְק זֶענֶען דִי רֶענְצְלֶעך אַרֵיינְגֶעפִירְט גֶעוָוארְן אִינֵם קַאר, אוּן דִי קִינְדֶער פוּן מִשְפַּחַת פְרֵיילִיך זֶענֶען שוֹין גֶעזֶעצְן גְרֵייט צוּ פָארְן. פֶּעטֶער שִמְעוֹן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פִירְן זֵיין קַאר עֶרְשְט דוּרְך קְלֵיינֶע גֶעסְלֶעך, דֶערְנָאך צוּ גְרֶעסֶערֶע גַאסְן, אוּן שְפֶּעטֶער אַפִילוּ צוּ דִי בְּרֵייטֶע. גְרוֹיסֶע גַאסְן. קוּקְנְדִיג אַרוֹיס פוּן פֶענְסְטֶער הָאט מֶען גֶעקֶענְט זֶען דִי קְלָארֶע בְּלוֹיעֶ הִימְל, דִי הֶערְלִיכֶע גְרִינֶע בֵּיימֶער, אוּן אוֹיך דִי קָאלִירְפִילֶע בְּלוּמֶען אוּנְטֶער'ן לִיכְטִיגְן זִין. דִי הֵייזֶער זֶענֶען אַדוּרְך גֶעפְלוֹיגְן אַזוֹי שְנֶעל אַז מְ'הָאט זֵיי קוֹים גֶעקֶענְט זֶען. צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע אַרוּמִיגֶע זַאכְן. מִיטְאַמָאל רוּפְט זִיך שִיפִי אָן "אִיך זֶע אַן עֶרֶעפְלַאן אִין דִי לוּפְט, עֶס זֶעט אוֹיס אַסַאך גְרֶעסֶער וִוי גֶעוֶוענְלִיך"!

שְלֹמֶה הָאט אִיר עֶרְקְלֶערְט, "גֶעוֶוענְטְלֶעך וֶוען מִיר זֶעען אַן עֶרֶעפְלַאן זֶעט עֶס אוֹיס זֵייעֶר קְלֵיין וֵוייל סְ'אִיז זֵייעֶר וֵוייט פוּן אוּנְז, אָבֶער יֶעצְט אִיז מֶען שוֹין אַזוֹי נָאנְט צוּ דִי עֶרֶעפְלַאנֶען אַז מְ'קֶען שוֹין כִּמְעַט זֶען וִוי גְרוֹיס זֵיי זֶענֶען בְּאֶמֶת."

מִיטאַמָאל הָאט זִיך דֶער קַאר אָפְּגֶעשְטֶעלְט אוּן יֶעדֶער אִיז אַרוֹיס פוּן קַאר, צוּזַאמֶען גֶענוּמֶען דִי רֶענְצְלֶעך, אוּן אַרֵיינְגֶעגַאנְגֶען אִין לוּפְטְפֶעלְד. דִי גְרוֹיסֶע גְרִידֶער פוּן אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְן הָאט מֶען גְלֵייך גֶעקֶענְט הֶערְן. יֶעדֶער אִיז גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען טוּן אַלְץ וָואס זֵיי דַארְפְן כְּדֵי צוּ זֵיין גְרֵייט אִין צֵייט פַאר'ן פְלִיגֶער. מִשְפַּחַת פְרֵיילִיך הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן עֶרְלֵעדִיגְן אַלֶע זֵייעֶרֶע זַאכְן, וֶוען אַ גְרוֹיסֶע הוֹיעֶכֶע גֶעשְטַאלְט אִיז זֵיי פְלוּצְלִינְג אַנְטְקֶעגְן גֶעקוּמֶען. "קֶען אִיך בִּיטֶע זֶעהן אֵייעֶרֶע טִיקֶעטְס אוּן פַאסְפָּארְטְן?"

מָרְת פְרֵיילִיך הָאט אַ בְּלִיק גֶעטוּהן אוֹיף אִיר גְרוֹיסֶע טאָכְטֶער שָרְה'לֶע, מֵיינֶענְדִיג דֶערְמִיט אַז זִי זָאל אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי טִיקֶעטְ'ס פוּן אִיר רֶענְצְל. פוּן גְרוֹיס אֵיילֶענִיש הָאט שָרְה'לֶע אָבֶער פַארְגֶעסְן זֵיי אֵיינְצוּפַאקְן אוּן זִי אִיז יֶעצְט גֶעבְּלִיבְּן שְטֵיין פַארְצְוֵוייפְלְט. "וָואס זָאל אִיך טוּהן?" הָאט זִי אוֹיסְגֶערוּפְן מִיט פַארְדְרוּס, "אִין דִי גַאנְצֶע אֵיילֶענִיש הָאב אִיך פַארְגֶעסְן דִי צְוֵויי עִיקָר זַאכְן, כְּדֵי מִיר זָאלְן קֶענֶען פָארְן צוּ אוּנְזֶער בַּאלִיבְטֶע מוּמֶע שִפְרְה'ס חַתוּנָה...!"

אַ בַּת יִשְרָאֵל פַארְגֶעסְט קֵיינְמָאל נִישְט אִיר עִיקָר צִיל – תְּהֵא צְנוּעָה! דָאס אִיז אוּנְזֶער "טִיקֶעט" צוּ אַ גְלִיקְלִיכְן לֶעבְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן אוּנְזֶער "פַּאסְפָּארְט" צוּ יֶענֶער וֶועלט!!



# איידל און קניידל





# באהאלטן צווישן די שפאלטן



די בנות מלכים זענען
פארנומען מיט נייען
און פארעכטן זייערע
קליידער כדי זיי זאלן
זיין אויסגעהאלטן
לויט די הלכות פון
צניעות.
קענסטו זיי העלפן
טרעפן 6 מעסטערס
אין דעם בילד?

**פארט איר קיין ארץ ישראל?**
**נעמט מיט א שמורה רענצל!**

בנות מלכים זיכט מענטשן וואס זענען ווילינג מיטצונעמען קיין ארץ ישראל א פעקל בנות מלכים. מיר ווילן אפשיקן די פעקל צו אייך אין שטוב, סיי ווי איר וואוינט אין New York תזכו למצוות פאר אינטערעסירטע ביטע רופט

**845-354-1286**


בנות מלכים אדרעס:
10-A Harrison Ave.
Spring Valley, NY 10977
Tel. 845-354-1286
Fax 845-362-8016



בנות מלכים
Share of New Square
31 Jackson Ave
New Square, NY 10977


Dated Material


Non Profit Org.
U.S. Postage
PAID
Permit number
241